שאלות פון זייער תורה, און האָט נישט קיין
שום באַשולדיקונג, אַז ער זאָל זיין חייב מיתה
30 אָדער קייטן. ווי אָבער עס איז מיר געוויזן
געוואָרן, אַז עס וועט זיין אַ פאַרשווערונג אויף
דעם מאַן, האָב איך אים תיכף געשיקט צו דיר,
באַפעלנדיק אויך די באַשולדיקער צו רעדן פאַר
דיר קעגן אים.
31 די זעלנער האָבן דעריבער גענומען פּוילוסן,
לויט ווי עס איז זיי באַפוילן געוואָרן, און
אים אָוועקגעפירט ביינאַכט קיין אַנטיפּאַטריס.
32 און צומאָרגנס, לאָזנדיק די רייטער גיין מיט אים,
האָבן זיי זיך אומגעקערט אין דער פעסטונג
33 אַריין; און זיי זענען אַרייַנגעגאַנגען קיין קיסריה
און האָבן איבערגעגעבן דעם בריוו צום גובער־
נאַטאָר, און אויך אַוועקגעשטעלט פּוילוסן פאַר אים.
34 און נאָכן איבערלייענען, האָט ער אים געפרעגט
פון וועלכער פּראָווינץ ער איז; און דערפאַרנדיק,
35 אַז פון ציליציען, האָט ער געזאָגט: איך וועל דיך
אויסהערן, ווען די אָנקלאָגער דיינע וועלן אויך
(אַהער) קומען; און האָט באַפוילן, מען זאָל אים
באַוואַכן אין הורדוסנס פּאַלאַץ.

## קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

1 און פינף טעג שפּעטער איז דער כהן גדול חנניה
אַראָפּגעקומען מיט אייניקע זקנים, און אַ רעדנער,
אַ געוויסער טערטולוס; און זענען דערשינען פאַרן
2 גובערנאַטאָר קעגן פּוילוסן. און ווען ער איז גערופן
געוואָרן, האָט טערטולוס אָנגעהויבן אים צו באַשול־
דיקן, זאָגנדיק: אַז מיר געניסן פיל פרידן דורך
דיר, און אַז אַ סך פאַרבעסערונגען זענען געטון